**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/6/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אז נייער געזעץ צו קלאר מאכן זייטיגע קרעדיט קארטל צוצאלונגען גייט אריין אין קראפט זונטאג, פעברואר 11**

***גאווערנער האקול האט דאס ארייגעשריבן אין געזעץ אין דעצעמבער 2023 פאר מער באשיצונג פון קרעדיט קארטל באניצער און פאר מער אפנקייט***

***ביזנעסער וואס נעמען קרעדיט קארטל צוצאלונג מוזן ארויסלייגן סך הכל פרייז וואס דארף באצאלט ווערן, אריינרעכנענדיג צוצאלונג, בעפאר די פארקויף***

***כדי צו העלפן ביזנעסער האט די סטעיט דעפארטמענט געמאכט א קרעדיט קארטל צוצאלונג [אנווייזונג ביכל](#) און [ווידעאו](#) צו העלפן ביזנעסער אויספאלגן דעם געזעץ***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א נייער געזעץ צו באשיצן קונדן וואס וועט אריינגיין אין קראפט אום פעברואר 11, 2024. דער נייער געזעץ וועט ענדערן און אויסקלארן ניו יארק'ס עקזיסטירנדע קרעדיט קארטל צוצאלונגען געזעץ. די NYS דיוויזיע פון קליענט באשיצונג (Division of Consumer Protection, DCP) העלפט ארויס קונדן וואס פילן אפגענארט אויפן מארקעטפלאץ און די ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל און לאקאלע רעגירונגען האבן די אויטאריטעט צו אינפארסירן דעם קרעדיט קארטל צוצאלונגען געזעץ. די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אָוו סטעיט'ס דיוויזיע פון קליענט באשיצונג רעקאמענדירט אז אינטערעסירטע לאקאלע רעגירונגען זאלן איבערקוקן די [DCP'ס קרעדיט קארטל צוצאלונגען לעגאלע ענדערונגען בריוו](#) פאר מער אינפארמאציע.

"עס קומט נישט אז ניו יארקער זאלן זיך דארפן באנעמען מיט באהאלטענע קרעדיט קארטל קאסטן, און דער געזעץ וועט זיכער מאכן אז מענטשן קענען זיך פארלאזן אז זייערע איינקויפונגען וועלן נישט פירן צו אומערווארטעטע צוצאלונגען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אפנקייט איז קריטיש ביים בויען צוטרוי צווישן ביזנעסער און קאמיוניטיס, און יעצט וועלן קונדן באפולמעכטיגט ווערן צו אויסרעכענען זייערע בודזשעטס לויט דעם."

דער געזעץ וואס איז אונטערגעשריבן געווארן דורך גאווערנער האקול אום דעצעמבער 13, 2023, ברענגט מער אפנקייט און באשיצונג מאסנאמען פאר קונדן דורכן:

- באגרעניצן קרעדיט קארטל צוצאלונגען צו די סומע וואס ווערט געמאנט פון די ביזנעס דורך די קרעדיט קארטל פירמע; און
- פארלאנגען ביזנעסער צו ארויסשטעלן בעפאר די באצאלונג ווערט געמאכט:
  - די סך הכל פרייז פון א פראדוקט אדער סערוויס אריינרעכנענדיג די קרעדיט קארטל צוצאלונג; אדער

-צוויי פרייז אפציעס, וואס פארלאנגט די קרעדיט קארטל פרייז צו ארויסגעשטעלט ווערן צוזאמען מיט די קעש פרייז.

**ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "ניו יארקער וואס נוצן קרעדיט קארטלעך האבן א רעכט צו וויסן די סך הכל קאסט פון וואס זיי קויפן, אריינרעכענענדיג סיי וועלכע צוצאלונג, בעפאר זיי קומען אן צום באצאלן. דער נייער געזעץ וואס איז אונטערגעשריבן געווארן דורך גאווערנער האקול וועט אפפערן קלארקייט און אפנקייט סיי פאר די קונדן און סיי פאר ביזנעס אייגנטימער איבער די צוצאלונגען ביים נוצן א קרעדיט קארטל."

**סטעיט סענאטאר דזשערמי קוּני האט געזאגט,** "אפנקייט מיט פרייזן איז קריטיש כדי מענטשן זאלן קענען מאכן אינפארמירטע באשלוסן ווען זיי גיבן אויס זייער שווער-פארדינטע געלט. פאדערן ביזנעסער צו ארויסגעבן קרעדיט קארטל צוצאלונגען העלפט קליענטן בעסער פארשטיין די קאסט אין סך הכל. א דאנק אייך גאווערנער האקול פארן אריינשרייבן די ביל אין געזעץ צו באשיצן קונדן."

**אסעמבלי מיטגלידערין עימי פאולין האט געזאגט,** "דער נייער געזעץ באשיצט ניו יארקער פון באהאלטענע צוצאלונגען דורכן פאדערן פארקויפער צו קלארערהייט ארויסלייגן די פרייז פון א קרעדיט קארטל צוצאלונג. קרעדיט קארטל צוצאלונגען וועלן יעצט דארפן ארויסגעגעבן ווערן קלארערהייט כדי קליענטן זאלן זיין אינגאנצן אויפמערקזאם איבער זיי פון פאראויס און נישט בלויז ווען זיי גייען באצאלן. דאס רעדט זיך פון אפנקייט, יושר און פארמיידן קליענטן פון ווערן אפגענארט ביים מאכן איינקויפונגען נוצנדיג קרעדיט קארטלעך. איך באדאנק גאווערנער האקול פארן העלפן באשיצן ניו יארקער."

די פאלגנדע פראקטיקן און ביישפילן פאלגן אויס דעם געזעץ'ס קרעדיט קארטל צוצאלונג איינמעלדונג פאדערונגען. זעהט די דעפארטמענט'ס [קרעדיט קארטל צוצאלונג אנווייזונגען דאקומענט]() און [ערקלערנדע ווידעאו]() פאר נאך ביישפילן:

**עשה:**

- די ביזנעס שרייבט ארויס די העכערע קרעדיט קארטל פרייז נעבן א נידעריגערע קעש פרייז.
- די ביזנעס שרייבט ארויס די קרעדיט קארטל פרייז פאר פראדוקטן און סערוויסעס, און דאן לאזן זיי וויסן פאר קונדן אז זיי וועלן באקומען א דיסקאונט פארן נוצן קעש.
- די ביזנעס טוישט אלע פרייזן צו די קרעדיט קארטל פרייז.

**לא תעשה:**

- די ביזנעס לייגט ארויף א שילד אויף די טיר און ביי דעם קאסירער זאגנדיג אז א צוצאלונג פון 3.9 פראצענט וועט גענומען ווערן פון קונדן וואס נוצן א קרעדיט קארטל.
- "די ביזנעס האט א 4 פראצענטיגע קעש דיסקאונט באלוין אריינגערעכנט אין אלע פרייזן. סיי וועלכע באצאלונגען וואס וועלן געמאכט ווערן מיט א קרעדיט אדער דעביט קארטל וועלן נישט באקומען די קעש דיסקאונט און די גענדערטע קאסט וועט ארויפקומען אויף אייער רעסיט."
- א באקוועמליכקייט צוצאלונג, סערוויס צוצאלונג, אדמיניסטראציע צוצאלונג, נישט-קעש צופאסונג, טעכנאלאגיע צוצאלונג, פראצעסירונג צוצאלונג, א.א.וו., ווערט גענומען פון קרעדיט קארטל באיצער און צוגעלייגט אויף א באזונדערע שורה אויף די קאסטומער'ס רעסיט.
- די פרייז לעיבעל פון א פראדוקט ווייזט "$10.00 + 4 פראצענט אויב באצאלט מיט א קרעדיט קארטל".

**באמערקונג:** דער געזעץ גייט נישט ארויף אויף דעביט קארטלעך.

די דיוויזיע פון קליענט באשיצונג גיבט נאך אויפקלערונג הילף פאר קונדן צו פארשטיין וויאזוי זיך צו באשיצן פון אומיושר'דיגע פראקטיקן בשעת'ן אויך אפפערן הילפס-מיטלען פאר ביזנעסער זיי צו העלפן אויספאלגן דעם געזעץ און פארמיידן שווינדלערישע און אפנארנדע פראקטיקן. נאך פעברואר 11, 2024, וועט דער געזעץ ערלויבן לאקאלע רעגירונגען זיך צו אנשליסן אין די אינפארסירונג פון דעם געזעץ, גיבנדיג פאר קונדן נאך הילפס-מיטלען צו זיכער מאכן אז דער געזעץ ווערט אויסגעפאלגט און גיבנדיג פאר לאקאלע רעגירונגען מער געלעגנהייטן צו ארבעטן פאר קונדן שוץ מאסנאמען פאר זייערע בירגער. אויב עס זענען דא סיי וועלכע פראבלעמען אין פארבינדונג מיט קרעדיט קארטל פרייזן ביים קאסירער, מוטיגט די DCP קונדן צו:

- אריינגעבן א קאמפלעינט צו די DCP צו צוריקגעצאלט ווערן פאר סיי וועלכע צוגעלייגטע באצאלונגען וואס זענען באצאלט געווארן פאר א פארקויפער אין ניו יארק סטעיט, אדער
- אריינגעבן א קאמפלעינט צו די אטוירני דזשענעראל אדער אנטיילנעמנדע לאקאלע רעגירונגען פאר אינפארסירונג פון א פארקויפער וועם איר גלויבט האט פארלעצט דעם געזעץ.

**איבער די ניו יארק סטעיט דיוויזיע פון קליענט באשיצונג**
די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון קאסטומער באשיצונג שטעלט צו הילפסמיטלען און עדיוקעישענאל מאטריאלן פאר קאסטומערס, ווי אויך פרייוויליגע פארמיטלונג סערוויסעס צווישן קאסטומערס און ביזנעסער. די קליענט הילפס-ליניע 1-800-697-1220 איז אפן מאנטאג ביז פרייטאג, פון 8:30 אינדערפרי ביז 4:30 נאכמיטאג, חוץ פון סטעיט האלידעיס, און קליענט קאמפלעינטס קענען אריינגעגעבן ווערן אין יעדן צייט אויף www.dos.ny.gov/consumer-protection.

פאר אנדערע קאסטומער באשוצונג טיפס און קאסטומער ווארנונגס, קענען קאסטומער באזוכן די DCP וועבזייט אדער נאכגיין DCP אויף סאושעל מעדיא דורך טוויטער אויף @NYSConsumer אדער Facebook אויף www.facebook.com/nysconsumer.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן